# מוסדותינו




#26

ארויסגעגעבן דורך:

## ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י סאטמאר, קרית יואל יצ"ו

נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט איהרע 7,000 קינדער כ"י

כסליו תשע"ב
דיוער בייכלאגע






ריבוי התלמידים והתלמידות בליעה"ר 4
בני עניים 5
בודזשעט 6
רוחניות'דיגע ניווא 7
בנין בית רחל 8
מרביצי תורה וכלי קודש 9
בניני התלמוד תורה 10
נייע 'בדק הבית' קאסע 15
געהאלט העכערונג 7




3

"הלוך וגדול" אין די לענג, ברייט,
אבער אויך טיף!




16

# גרוים שפאנונג צום בעפארשטייענדן דינער פון מוסדותינו הק' קומענדיגן מוצש"ק פרשת וישלח הבעל"ט

2

אינהאלטסרייכע פראגראם וועט ארויסברענגען פריידיגע געפילן אויף די 38 יעריגע גאלאפירנדע בליה און וואוקס כ"י בליעה"ר

# גרויס שפאנונג צום בעפארשטייענדן דינער פון מוסדותינו הק' אונטער'ן איינדרוק פונעם "הלוך וגדול" קאמפיין

## אינהאלטסרייכע פראגראם וועט ארויסברענגען פריידיגע געפילן אויף די 38 יעריגע גלאפירנדע בליה און וואוקס כ"י בליעה"ר

בלויז איין וואך טיילט אונז אפ פון דעם גרויסארטיגן מעמד דינער השנתי לטובת מוסדותינו הק', וואס וועט אי"ה פארקומען קומענדיגן מוצש"ק פ' וישלח הבעל"ט במקהלות אלפי ישראל, אנ"ש הורי ותומכי מוסדותינו, ובראשינו מלכינו הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א, דער מרא דאתרא קדישא ונשיא המוסדות.

ווי באקאנט איז דער דינער פאר די מוסדות הק' א יערליכע צענטראלע מאורע, וואס קיינער וויל נישט פארפאסן. דער הייליגער מעמד ווערט יאר יערליך פארוואנדלט ווי א 'ליל שמורים לדורותיכם', טויזנדיג צוזאמבערענגען אינאיינעם תחת קורת גג אחד אלופי אלפי אנ"ש תושבי עירנו ובראשינו מלכינו מרן רבינו שליט"א, ביי וועלכן מען פארברענגט אן אינהאלטסרייכע הייליגע אוונט פון שעות של קורת רוח, וואס פארשאפט אסאך חיזוק און נחת דקדושה ביי אלע משתתפים און טוט באפעסטיגן די יסודות פון חינוך הבנים והבנות.

א ספעציעלע אינטערעסע און שפאנונג הערשט אצינד ביים גאנצן ציבור אין צוגרייטונג צום היי-יעריגן מעמד הדינער מיט איר רייכער פראגראם, וואס וועט לויפן אונטער די טעמע "הלוך וגדול", ארויסצוברענגען אויף גאר אן אינטערעסאנטן און שפאנענדן פארנעם די הערליכע גלאפירנדע בליה און וואוקס פון די מוסדות הק', וואס איז שוין 'הלוך וגדול' במשך די לעצטע 38 יאר זינט דאס התייסדות המוסדות דורכ'ן הייליגן רבי'ן זי"ע בעל דברי יואל, עד כי גדול מאוד, ציילנדיג כהיום יום 7,000 תלמידים ותלמידות כ"י מיט 12 פראכטפולע בנינים, תחת דגל נשיאות יבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

שטייענדיג אין די לעצטע טעג פאר'ן דינער ווערט יעצט פארענדיגט די לעצטערע צוגרייטונגען צום גרויסארטיגן דינער אוונט, ווי די געטרייע הנהלת הישיבה און די ענערגישע דינער קאמיטע לייגט אריין די מאקסימאלע כוחות און געוויכט אויסצואַרבעטן די ענדגילטיגע פרטים עצהי"ט, ווי מסדר צו זיין אלע ארומיגע איינצלהייטן איבער'ן דינער נאכט זעלבסט, און איבער דער רייכער סדר היום וואס ווערט בעז"ה צוגעשטעלט אויף א הערליכן פארנעם.

גדול יהיה המעמד הזה.



### פון די ערוואַרטעטע הויכפונקטן ביים דינער:

## ספעציעלע "הלוך וגדול פרעזענטאציע" איבער וואוקס פון "מוסדות קרית יואל" כ"י



צווישן די גאר רייכע קאפיטלן אינעם היי-יעריגן פראגראם ביים בעפארשטייענדן דינער פון די מוסדות הק', קומענדיגן מוצש"ק הבעל"ט, ווערט ערווארטעט מיט שפאנונג די דראמאטישע "הלוך וגדול פרעזענטאציע", וואס וועט פרעזענטירט ווערן אין צוזאמענהאנג מיט'ן "הלוך וגדול קאמפיין".

'הלוך וגדול' איז גענצליך נישט קיין נייעס ווען מ'רעדט פון די קרית יואל'ע מוסדות. ס'איז ב"ה א פריידיגע מציאות, ווי במשך די קרוב צו 40 יעריגע היסטאריע פון מוסדות קרית יואל, האט מען נאכנישט אראפגעלייגט דאס האמערל! ווי נאר מען ענדיגט מיט איין בנין איז מען שוין געצווינגען צוצוטרעטן צו א פרישע בוי פראיעקט; כסדר הערט מען ב"ה פרישע גרוסן פון הרחבת גבולי הקדושה; נייע בנינים, נייע תלמידים ותלמידות, נייע מלמדים, נייע מנהלים א.א.וו.

איבער אלעם איז 'הלוך וגדול' דער רוחניות'דיגער ניווא פון די מוסדות, דער שטארקער איכות פון די מוסדות, די געוואלדיגע כוחות אין חינוך וואס מ'לייגט אריין ביי די קינדער אין אלע אפטיילונגען פון די מוסדות, סיי אין תלמוד תורה וישיבות קטנות, און סיי אין בית רחל.

אצינד ווען עס ווערט געווידמעט דער היי-יעריגער דינער השנתי אויף די טעמע 'הלוך וגדול', איז פאסיג באשלאסן געווארן אז צווישן די רייכע מאמענטן ביים דינער וועט אי"ה פרעזענטירט ווערן א ספעציעלע פרעזענטאציע, וואס וועט ארויסברענגען אויף א הערליכן פארנעם די רגשי שמחה אויף די הערליכע בליה און וואוקס פון די מוסדות הק' דורכאויס די לעצטע 38 יאר, כ"י.

ווארט מיט שפאנונג.





# "הלוך וגדול" אין די לענג, ברייט, אבער אויך טיף!

וואו מ'שטייט און ווי מ'גייט באגעגנט מען זיך מיטן היי-יעריגן סלאגאן לקראת דער דינער פאר די מוסדות הקדושים "הלוך וגדול".

פארשידענע צעטלעך, גרויסע און קליינע, בראשור'ן און קונטרסים, אלעס רעדט און איז מעורר דעם ציבור אז הנה זה בא, אט איז מוצאי שב"ק פר' וישלח, אט איז דער טאג איינמאל אין יאר ווען עס איז די צייט וואס מיר זאלן זיך אהער שטעלן מיט די פולסטע ערנסטקייט און געטריישאפט פאר אונזערע הייליגע מוסדות דא אין קרית יואל.

"הלוך וגדול" וואס מיינט דאס?!

בפשטות מיינט דאס אז דער מוסד וואקסט, וואס דאס איז א העכסט נאטורליכע זאך. יעדע מוסד אויף די וועלט, יעדע עקזיסטירענדע זאך אויף די וועלט, אויב איז עס נישט בגדר דומם, איז איר טבע אז זי וואקסט, זי פארברייטערט זיך און זי פארגרעסערט זיך מזמן לזמן. נישט דאס איז דער פלא פון 'הלוך וגדול' פון מוסדות קרית יואל.

מיר האבן נארוואס באגעגנט דעם פסוק "הלך וגדל" אין די תורה, די פארגאנגענע וואך פרשת תולדות זאגט אונז די תורה דעם אויסדרוק אויף יצחק אבינו וואס האט שטארק מצליח געווען, און ער איז כסדר געווען "הלך וגדל".

> **בפשטות מיינט דאס אז דער מוסד וואקסט, וואס דאס איז א העכסט נאטורליכע זאך. יעדע מוסד אויף די וועלט, יעדע עקזיסטירענדע זאך אויף די וועלט, אויב איז עס נישט בגדר דומם, איז איר טבע אז זי וואקסט, זי פארברייטערט זיך און זי פארגרעסערט זיך מזמן לזמן. נישט דאס איז דער פלא פון 'הלוך וגדול' פון מוסדות קרית יואל.**

גלייך נאכדעם דערציילט אונז די תורה ווי יצחק איז געווען פארנומען מיטן גראבן בארות, די פלשתים האבן נישט מסכים געווען דערצו, און עס איז געווארן קריגערייען און מחלוקת דערוועגן. ביז צום ענדע פון די פרשה האט יצחק אבינו מצליח געווען, און ער האט בסך הכל געהאט זיבן בארות וואס זיינע קנעכט האבן געגראבן.

האט דאס עפעס שייכות?!

*

עס איז באקאנט א אויסדרוק וואס עס האט געזאגט דער חכימא דיהודאי הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל (זיין יארצייט געפאלט היינטיגן שבת קודש) אין אמעריקע וואקסט אידישקייט אין די לענג און אין די ברייט, אבער נישט טיף...

דער משמעות פון די ווערטער איז, דוכט זיך, גאנץ פשוט, קיינער איז נישט מסופק אין די וואונדערליכע ווידער-אויפבלי פון תורה און אידישקייט אין אמעריקע נאכן ביטערן חורבן. דאס איז עפעס וואס מ'קען נישט לייקענען ווייל מ'זעהט דאס בחוש, אויפן פארהארטעוועטן שטיינערנעם אמעריקאנעם באדן איז אויפגעקומען א ריזיגע ארמיי פון צענדליגער טויזענטער בני תורה, ישיבה בחורים, תינוקות של בית רבן, און עס זענען דא גאנצעטע געגענטער און ישובים וואו עס וואוינען טויזענטער משפחות וואס גייען אן א הערליכן אידישן לעבענס שטייגער. עס איז בלי ספק אז אין אמעריקע טוט זיך א שטארקער אידישער וואוקס.

דער פראבלעם איז אבער אז דאס איז לאנג און ברייט אבער נישט טיף.

נישט אומזינסט האבן אזויפיל אידן וואס זענען געקומען קיין אמעריקע אין די פריערדיגע יארן, מיט גוטע און ריינע מחשבות, זיי האבן אמת'דיג געוואלט זיין וואויל, זיי האבן אמת'דיג געוואלט זיין ערליך, זיי האבן געטון וואס זיי האבן געקענט, אבער זיי זענען למעשה דורכגעפאלן. ווייל זיי האבן נישט אריינגעגראבן טיף אין דער ערד, און זיי האבן נישט געשטעלט קיין שטארקע יסודות, און אויב איז קיין יסוד נישטא, פאלט אוועק די גאנצע געביידע.

ווען רבינו הק' זי"ע איז געקומען קיין אמעריקע איז זיין ערשטע יסוד געווען "גראבן ברונעמס", דער רבי האט נישט געוואלט בויען אין די לענג און אין די ברייט, דער רבי האט געוואלט גראבן טיף, שטעלן יסודות, וואוסענדיג אז מיט א יסוד איתן איז דא א מעכטיגער בנין וואס וועט זיך האלטן און בלייבן שטיין אויף אייביג.

אט דער טיפער יסוד האט דער רבי געגראבן אין קרית יואל...

נישט בחינם האט דער רבי אזוי געגארט נאך א שטעטל, נישט בחינם האט ער מיט אזא בענקשאפט גערעדט פון דעם שטעטל אין א בחינה פון 'מתי יבא לידי', ווייל אין דעם שטעטל האט ער אלעס אויף די וועלט געזעהן, און אין די לעצטע יאר פון זיין לעבן האט ער זיך אפגעגעבן מיטן שטעטל ווי מיט א בן יחיד.

> **טראצדעם וואס קרית יואל איז "הלוך וגדול", אריבער זיבן טויזנט תשב"ר ווערן נתחנך צווישן אירע ווענט, איז אבער דער חינוך אזוי שטארק און אפגעהיטן ווי עס וואלט זיך ווען געהאנדלט אין א קליינער מוסד.**

די הייליגע מוסדות זענען געגראבן געווארן טיף... מעכטיגע יסודות איתנים, דער חינוך איז געשטעלט אויף פרינציפן וואס מ'קען נישט רירן. אזויפיל שטארקע און פעסטע תקנות זענען דא אין קרית יואל וואס זענען א וועג ווייזער פאר אנדערע מוסדות, יעדער קוקט ארויף אויף קרית יואל ווי אזוי זיי שטייען אזוי פעלזן פעסט, אזוי שטארק און אזוי שיין געבויעט, און זיי רירן זיך נישט פון די הייליגע וועגן וואס איר גרויסער מייסד האט אראפגעשטעלט.

טראצדעם וואס קרית יואל איז "הלוך וגדול", אריבער זיבן טויזנט תשב"ר ווערן נתחנך צווישן אירע ווענט, איז אבער דער חינוך אזוי שטארק און אפגעהיטן ווי עס וואלט זיך ווען געהאנדלט אין א קליינער מוסד.

דער 'הלוך וגדל' נעמט גארנישט אוועק פון די מעלות פון א קליינעם מוסד, די צענדליגער מנהלים – כמעט איינס פער כיתה – שטייען על המשמר הקודש מיט אזא איבערגעגעבנהייט. די מלמדים אויף די קינדער, אזויפיל שיינע לימודים, אזויפיל טרעפליכע ידיעות, הערליכע ענינים, הלכות, מידות טובות, יראת שמים, אמונה ובטחון והשקפה, אלעס אלעס, און מיט אזא באציאונג צו יעדן תלמידים, אז עס דוכט זיך אז דאס איז א מוסד פון "זיבן טויזענט בן יחיד'ס"....

דאס איז דער שילוב צווישן "וילך הלוך וגדל" מיטן "ויחפרו עבדי יצחק בנחל".

(פארזעצונג אויף זייט 22)

# הונדערטער נייע תלמידים ותלמידות כ"י צוגעקומען אין אנהויב שנת הלימודים

**11 נייע קלאסן געעפנט געווארן במשך דעם פארלאפענעם יאר
סך הכל מספר תלמידים ותלמידות גרייכט היינט צו 7,000 כ"י בליעה"ר**

אלס פארזעצונג צום 38 יעריגן קייט אין 'הלוך וגדול' פון די מוסדות הק', קוועלט דאס הארץ פאר שמחה און התרגשות צו הערן די פרישע בשורה איבער די הערליכע בליה און וואוקס אין די מוסדות, ווען צו דעם נייעם שנת הלימודים תשע"ב האבן זיך ב"ה די מוסדות הקדושים געעפנט מיט'ן ציפער פון 7,000 לעבטיגע תלמידים ותלמידות פרי קודש הילולים כ"י בליעה"ר.

בלויז לעצטנס צום אנהייב פונעם נייעם שנת הלימודים האבן זיך ב"ה די מוסדות געעפנט צום נייעם זמן מיט פרישע 350 קינדער כ"י, נייע תלמידים אין תלמוד תורה און נייע תלמידות אין בית רחל.

כדי צו קענען נאכקומען דעם גאלאפירנדן בליה און וואוקס בליעה"ר איז כסדר דא א געברויך צו זיין 'הלוך וגדול' און עפענען פרישע קלאסן, צו קענען פלאצירן די קינדער און צושטעלן דעם ריכטיגן און שענסטן חינוך פאר די חניכי המוסדות.

סך הכל איז במשך דעם פארלאפענעם יאר געעפנט געווארן פרישע 11 קלאסן אין תלמוד תורה און אין בית רחל, הויפטזעכליך ביי די יונגערע כתות, וואו די וואוקס זעצט ב"ה פאר אויף א הערליכן אומגלויבליכן פארנעם.

ווי עס ווייזט אן הר"ר חיים קארנבלי הי"ו, אדמיניסטראטאר פון די שכר לימוד אפטיילונג, אז לויט די מציאות פון די פארגאנגענעם יאר ווערט ערווארטעט לכה"פ ארום 50 נייע קינדער כ"י פער חודש במשך קומענדיגן יאר, דאס מיינט א פרישע קלאס ביי יונגלעך און א פרישע קלאס ביי מיידלעך, יעדן חודש. דאס איז דורכשניטליך 20 נייע קלאסן וואס גייט נאך צוקומען ביז קומענדיגן יאר בעז"ה!

דאס הארץ קוועלט פאר שמחה זיך איבערצייגנדיג איבער די אומגעהויערע סייעתא דשמיא און זכות הצדיקים הק', דער זכות פון הייליגן מייסד מרן רבינו הק' זי"ע וממשיך דרכו מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע, וועלכע באגלייטן ווייטער אויף טריט און שריט דער קיום פון זייערע הייליגע מוסדות אין קרית יואל.

ס'איז נישטא קיין ווערטער, די הרחבת גבולי הקדושה רעדט מער ווי אלעס, איבער דעם מעכטיגן לגיון של מלך וואס ווערט ב"ה אויפגעצויגן אין די הייליגע מוסדות מיט'ן שענסטן און בעסטן חינוך על טהרת הקודש עפ"י דרכי אבותינו ורבותינו הק'. זה חלקינו מכל עמלינו, דאס איז אונזער עתיד, די צוקונפטיגע ערליכע טאטעס און מאמעס, וואס וועלן אי"ה ווייטער ציען די גאלדענע קייט עד ביאת הגואל.

כן ירבה וכן יפרוץ.















# וואוקס פון מוסדות כ"י ברענגט באדייטענדע העכערונג אין 'בני עניים'

**וועלכע קענען גענצליך נישט צאלן קיין שכר לימוד אדער בלויז למחצה ולשליש ולרביע**

## דרינגענדע געברויך צו העכערן נתינות פאר 'בן גמלא' פראיעקט

איינע פון די שטארקע פאקטארן צו די בודזשעט העכערונג איז די גרויסע צאל פון 'בני עניים', וואס מיט די שטייגנדע וואוקס פון פרישע קינדער אין די מוסדות כ"י איז פארשטענדליך אז דאס ברענגט באזונדער א באדייטענדע העכערונג אויך אין די צאל 'בני עניים', פון עלטערן וואס צוליב פארשידענע ערליי סיבות איז זיי גענצליך נישט מעגליך צו צאלן קיין שכר לימוד אדער בלויז למחצה ולשליש ולרביע.

אויסער וואס דער מציאות איז שוין לאנגע יארן אזוי, אז ביי די קרית יואל'ע מוסדות רעכנט מען די מינימאלסטע שכר לימוד פרייזן צוגלייך פון אנדערע מוסדות אין אלע אנדערע מקומות, צוליב וואס רוב ציבור באשטייט ב"ה פון גרויסע קינדער-געבענטשטע משפחות מיט גרויסע הוצאות.

איז דער פאקט אז די 'בני עניים' איז איינע פון די שטארקסטע אורזאכן צום וואקסנדן דעפיציט פון די מוסדות, צוליב די גרויסע מספר פון עלטערן וועלכע זענען נישט ביכולת צו צאלן קיין שכר לימוד אדער בלויז א גאר מינימאלע סכום.

די סיבות דערפון איז בעיקר איינגעטיילט אין דריי קאטעגאריעס, ווי פאלגענד:

1) עלטערן פון גרויסע משפחות מיט שוואכע פרנסות, וואס קענען זיך נישט ערלויבן דעם דורכשניטליכן סכום אדער אפילו נאנט צו דעם, און זיי צאלן נאך היבש וויניגער פונעם דורכשניטליכן (אזוי-אויך נידריגן) סכום

2) בני תורה, כולל יונגעלייט וכדו', וואס צוליב זייער מצומצום'דיגע געהאלט קענען זיי צאלן בלויז א גאר מינימאלע פרייז.

3) משפחות מיט יתומים ל"ע, אדער קינדער פון שטיבער מיט פראבלעמען וואו ס'איז נישטא ווער ס'זאל באצאלן שכר לימוד, אדער וואו די עלטערן זענען נישט געזונט ה"י, ווי אויך די הונדערטער משפחות פון כלי קודש און איינגעשטעלטע, וועלכע צאלן געוויינליך נישט קיין שכר לימוד.

באזונדער איז נישט קיין סוד ווי שווער דער מצב הפרנסה איז היינט ביים ציבור. ס'איז ליידער דא פילע אידן, טאטעס פון גרויסע משפחות כ"י, וואס דרייען זיך ארום גענצליך אן קיין פרנסה, אדער פארדינען גאר מינימום, נישט קענענדיג צאלן געהעריג שכר לימוד, וואס צוליב די און אנדערע ענליכע סיבות האט די מוסדות ליידער אויך היי-יאר פארלוירן "איבער א מיליאן דאלער" אין שכר לימוד.

ווי אויך זענען פאראן פילע 'אמאליגע' בעל בתי'שע אידן וואס צוליב דער געדרוקטער מצב קענען זיי נישט היינט צושטייער געבן גרעסערע נתינות אזוי ווי אמאל, וואס די סיבות טוען גלייכצייטיג אויך פיל העכערן די צאל פון בני עניים אין די מוסדות.

דער סך הכל איז אז ס'איז היינט פאראן דער גרויסער מספר פון איבער 2,500 בני עניים, וואס אינאיינעם שאפט דאס א לאך פון איבער 3 אהאלב מיליאן דאלאר א יאר.

דעריבער, אין ליכט פון די 'הלוך וגדול' אין בני עניים איז פארשטענדליך נויטיג די ספעציעלע נחיצות צו זיין 'הלוך וגדול' זה לעומת זה אין פארברייטערן די הכנסות פאר'ן וויכטיגן 'בן גמלא פראיעקט' להחזקת בני עניים, וואס מיט דעם קויפט זיך איין דער נדבן די געוואלדיגע גרויסע זכותים פון החזקת בן עני, וואס איז א סגולה בדוקה פאר גרויסע השפעות טובות בזה ובבא.

הזהרו בבני עניים שמהם תצא תורה.

## געקליבענע קורצע מאמרים

**איבער דעם הלכה'דיגן חיוב אויסצוהאלטן בני עניים במוסדותינו**

### החזקת בני עניים איז א חיוב אויף די בני העיר!

"...אויף אזא פלאץ וואו די יחידים קענען נישט באצאלן שכר לימוד פאר די מלמדים, ליגט דער פליכט דערפון אויף די גאנצע קהלה..."

(שו"ת רמ"ה)

*

### חינוך בני עניים ליגט אויפ'ן גאנצן ציבור!

"... מען טאר בשום אופן נישט לאזן אוועקפאלן די תלמידים בני עניים און זיך בלויז אפגעבן מיט די בעסערע קינדער, ווייל דער חינוך פון די ארימע קינדער באלאנגט צום גאנצן ציבור..."

(שו"ת צפנת פענח, ח"ב סי' י"ז)

*

### אפילו אויב מ'האט נישט קיין קינדער אינעם מוסד!

"...אזוי איז געווען די עיקר תקנה פון די חכמים צו שטעלן מלמדי תינוקות אין יעדע שטאט, סיי א גרויסע און סיי א קליינע, און ארויפצולייגן דעם שכר פון די מלמדי תינוקות פון די שטאט אויף די גאנצע קהלה אין די שטאט אפילו ווער עס האט נישט קיין קינדער - סיי די ארעמע און סיי די רייכע - יעדער לויט זיינע מעגליכקייטן, אזוי ווי די אנדערע נתינות פון קהל וואס ווערט געשאצט לויט די מעגליכקייט..."

(שו"ע הרב, יו"ד הל' ת"ת פרק א')

*

### מ'איז מקיים די מצות עשה דאורייתא פון 'ולמדתם' נאר דורך החזקת בני עניים!

"... כאטש מן התורה איז מען יוצא די מצות עשה פון ולמדתם וגו' אויב דער פאטער לערנט מיט זיינע אייגענע קינדער, אבער זייט די תקנה פון רבי יהושע בן גמלא קומט אויס, אז אויב א איד גיט שכר לימוד בלויז פאר זיינע קינדער, און ער האט נישט אינזין די בני עניים, איז ער נישט נאר עובר אויף א דרבנן פון "לא תסור" צוליב נישט פאלגן די תקנה פון רבי יהושע בן גמלא, נאר אין צוגאב איז ער אויך נישט מקיים די מצות עשה מן התורה פון ולמדתם אותם את בניכם..."

(קונטרס תמכין דאורייתא להרה"ק בעל בני יששכר זי"ע)

*

### די חשוב'סטע צדקה פון די שטאט!

"...החזקת התורה פאר בני עניים פון די שטאט, איז די חשוב'סטע פון אלע צדקות אין די אייגענע שטאט. (בפרט ווען אין החזקת בני עניים איז אויך אריינגערעכנט אלע צדקות פון ביקור חולים, הכנסת כלה וכו').

(רביה"ק זי"ע בחידו"ת בכמה מקומות)

# מולטי מיליאן דאלער'דיגן בודזשעט געשטיגן מיט הויכע ציפערן

## אין ליכט פון 'הלוך וגדול' מיט פרישע הוצאות אויף אלע פראנטן בגשמיות וברוחניות

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז די גאלאפירנדע וואוקס כ"י טוט גאר שטארק העכערן דעם בודזשעט צו פרישע גרויסע ציפערן אין יעדן איינציג- הינזיכט, וו.צ.ב.ש. א פארברייטערטע שטאב פון מלמדים און לערערינס ביי פארשידענע אפטיילונגען; פרישע גשמיות'דיגע איינגעשטעלטע, ווצב"ש: מענעדזשערס, געהילפן א.ד.ג.; פרישע קלאסן מיט אלע נויטיגע איינריכטונגען; צושטעלן און אויפהאלטן מער בנינים/טרעילארס; אהערשטעלן מער הצטרכות'ן און געברויכן, ווי עסן, טראנספארטאציע א.ד.ג.; און אוודאי קומען מיט דערצו פרישע תיקונים אויפ'ן רוחניות'דיגן געביט, וואס דאס אלעס העכערט גאר שטארק די לויפנדע הוצאות פון די מוסדות.

ועל כולם טוט די דראסטישע וואוקס ברענגען אויך א העכערונג אין די צאל פון בני עניים, וואס קענען געווענליך נישט צאלן אדער בלויז א מינימום שכר לימוד, וואס דאס איבריגע פאלט צו לאסט אויף די מוסדות. (זעה באזונדערע נייעס איבער די הלוך וגדול אין 'בני עניים').

סך הכל באטרעפט היי-יאר דער בודזשעט פון די מוסדות דער אסטראנאמישער ציפער פון איבער 26 מיליאן דאלער, און אין ליכט פון די פריער דערמאנטע סיבות און נאך פארשידענע שוועריגקייטן פלאגט זיך די הנהלה אצינד מיט א גרויסן דעפיציט פון מיליאנען דאלער, וואס טוט אויסטערליש שטארק דרוקן אויף די הנהלה, און אפעקטירט דעם גאנצן אפיס ווירטשאפט!

אם אין קמח אין תורה.



# פעיראל געהעכערט פאר אלע חשוב'ע מלמדים ומרביצי תורה

## געהאלט העכערונג פאר מלמדים ומרביצי תורה מיט שכירות פאר נייע איינגעשטעלטע העכערט פעיראל בודזשעט מיט פאנטאסטישע סומע

אין צוגאב צו די ביז יעצטיגע פעיראל בודזשעט פאר די הונדערטער געטרייע איינגעשטעלטע אין די מוסדות שטייגט אצינד דער בודזשעט, נאכדעם וואס די הנהלת המוסדות האט געשפירט פאר וויכטיג זיך אנצושטרענגען און באשלאסן צו העכערן די וועכנטליכע געהאלט, ספעציעל פאר די חשוב'ע מלמדי תשב"ר ומרביצי תורה פון די תלמוד תורה און ישיבות קטנות, אלס הכרת הטוב פאר זייער מלאכת הקודש באמונה.

אין א בריוו וואס די הנהלת המוסדות האט ארויסגעשיקט צו אלע חשוב'ע מלמדים און מרביצי תורה, ווערט ארויסגעברענגט אז טראץ דעם גאר שווערן פינאנציעלן מצב וואס פלאגט היינט די מוסדות, שלעפנדיג א עול פון שווערע מיליאנען דאלאר יערליך, האט מען אבער ערנסט אויפגענומען די פארלאנג פון די מנהלים רוחניים וואס האבן געטוען אויפמערקזאם מאכן – ביי א ספעציעלע מיטינג מיט די הנהלה - איבער די שטארקע וויכטיגקייט צו העכערן די געהאלט, נאך א לאנגע צייט וואס מ'האט שוין נישט געגעבן קיין הוספה, און נאכ'ן דן זיין בכובד ראש האט מען געפאסט די באשלוס אז 'אם לא עכשיו אימתי', טראץ וואס דער מצב איז נאך היינט גאר ווייט מסוגל צו קענען אונטערנעמען פרישע הוצאות, פארשטייט מען אבער אז ההכרח לא יגונה, און אלס הכרת הטוב פאר די שווערע מלאכת הקודש איז די הנהלה גרייט צו טוען דאס מאקסימום אנשטרענגונג און נעמען אויף זיך די פרישע פראיעקט צו העכערן די 'פעיראל' פאר די געטרייע מלמדים און מרביצי תורה.

סך הכל וועט דער פעיראל בודזשעט פון די מוסדות גרייכן צום אומגעהויערן ציפער פון שווערע מיליאנען דאלער א יאר, וואס רעכנט אריין די געהאלט העכערונג פאר די מלמדים ומרביצי תורה אין צוגאב צו זייער ביז יעצטיגע שכירות, די געהאלט פאר אלע אנדערע הונדערטער איינגעשטעלטע און פאר די נייע כלי קודש און געהילפן אין די מוסדות.

תהא משכורתם שלימה.





# שטייגנדע רוחניות'דיגע הצלחה אין אלע אפטיילונגען פון ישיבות קטנות וצעירים

אין צוגאב צו די 'הלוך וגדול' אויפ'ן רוחניות'דיגן פראנט אין אלע אפטיילונגען פון די תלמוד תורה, דארף באזונדער ארויסגעברענגט ווערן די 'הלוך וגדול' פונעם הויכן רוחניות'דיגן ניווא אין אלע אפטיילונגען פון די ישיבות קטנות וצעירים פון די מוסדות הק', וואו די חשוב'ע ראשי ישיבות מיט די גאנצע שטאב איש על מחנהו ואיש על דגלו, לייגן אריין די מאקסימום כוחות בכל ענין וענין פאר'ן התעלות פון די תלמידים, וואס דערקענט זיך טאקע גאר שטארק און רופט ארויס אן אויסטערלישע צופרידנהייט און התפעלות ביי אלע גליקליכע עלטערן.

### ישיבה קטנה ח"א

אין ישיבה קטנה ח"א אונטער די הנהלה פון הרה"ג ר' חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א גייען אן די לימודים אויפ'ן העכסטן פארנעם בהתמדה רבה, וואס אויסער וואס די חשוב'ע בחורי חמד מאכן שטארקע פארשריט אין די אפיציעלע לימודי הישיבה, זיך גרייטנדיג בקרוב צו פארהערן גאנץ מס' שבועות און נאך אנדערע לימודים, הערשט א שטארקע שוואונג ביי די בחורים מקדיש צו זיין די פרייע צייטן אויף איבערצו'חזר'ן מס' קידושין וואס מ'האט געלערנט אין כתה ט'.

באזונדער ווערט באגריסט די התייסדות פון די "חבורת מבקשי ה'", וואס איז געצילט צו הייבן די בחורים און אריינברענגען א שטארקע ווארימקייט בעניני עבודת ה'. די חבורה איז צעטיילט אויף מערערע חלקים מיט באזונדערע ראשי חבורות, וועלכע לערנען פאר ספרי חסידות און די בחורים ארבעטן צוזאמען אויף קבלות טובות. יעדע שטיק צייט נעמט מען זיך צוזאם אויף א מסיבה וואו מ'הערט דרשות און מ'שעפט חיזוק.

### ישיבה קטנה ח"ב

זעלטענע גוטע גרוסן הערט מען ב"ה פון ישיבה קטנה ח"ב בהנהלת הרה"ג ר' חיים לייב זילבערשטיין שליט"א, וואו די טייערע בחורי חמד זיצן און לערנען דעם זמן מיט א שטארקע התמדה און התלהבות התורה, וואס פארשאפט א נחת דקדושה.

די אפיציעלע לימודי הישיבה זענען אצינד; אויף גמרא: מס' סוכה און מכות; און שו"ע: הל' שבת סימן ש"ח און נאך, וואס די בחורים לערנען דורך מיט גרויס יגיעה און שטעלן זיך דערויף צום פארהער.

באזונדער רופט ארויס התפעלות די חשוב'ע נייע חבורה "קובץ על יד", וואס איז דעם זמן אויפגעשטעלט געווארן, אין וועלכן א גרויסע צאל בחורים זענען אנגעשלאסן טוענדיג מקדיש זיין די פרייע צייטן ווען ס'איז נישטא קיין ישיבה, אויף איבערצו'חזר'ן די מסכתות וואס מ'האט געלערנט במשך די פארגאנגענע יארן, מיט'ן ציל קובץ צו זין על יד ירבה די אלע לימודים וואס מ'האט אלץ געלערנט, דאס ווייטער צו האלטן אין די האנט און קענען מיטנעמען א גאנצן לעבן.

### ישיבה לצעירים ח"א

ישיבה לצעירים ח"א, בהנהלת הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א מו"ץ, איז אין די טעג איינגעהילט אין א ספעציעלע שמחת התורה, נאכדעם וואס מ'האט דעם פארגאנגענעם מוצש"ק געפראוועט א הערליכער סיום אויף די צווייטע האלב מס' יומא, וואס די בחורים האבן דורכגעלערנט אין די פרייע צייטן, וואס איז אין צוגאב צו די לימודי הישיבה, מס' שבועות און שו"ע הל' מוקצה, אין וועלכן מ'איז עוסק איבער'ן טאג מיט התמדה.

אויסער די גרויסע כוחות וואס די חשוב'ע מרביצי תורה אין שפיץ פונעם ראש הישיבה שליט"א לייגן אריין בעמוד התורה, ווערט אריינגעלייגט גרויסע כוחות אויך בעמוד העבודה און יראת שמים. יעדן טאג פאר'ן דאווענען ווערט געווידמעט א זמן מיוחד וואס די בחורים זענען הוגה אין ספרי חסידות, יעדער מיט א חבר, וואס ווערט באגלייט און מחוזק דורך די חשוב'ע מרביצי תורה, וואס לאזט איבער א געוואלדיגער רושם וואס דערקענט זיך אויפ'ן דאווענען און אויפ'ן גאנצן מהלך החיים.

### ישיבה לצעירים ח"ב

א שטארקע שוואונג פון התמדת התורה הערשט ב"ה אין ישיבה לצעירים ח"ב, אונטער די הנהלה פון הרה"ג ר' וואלף לאנדא שליט"א, וואו די טייערע בחורי חמד זענען זיך מעמיק אין לערנען, לייגנדיג דעם זמן א געוויכט אויף דורכלערנען און מסיים זיין גאנץ מס' שבועות און גאנץ הל' בשר וחלב, מיט גרויס קלארקייט און פארשטאנד.

במשך דעם זמן זענען שוין פארגעקומען עטליכע חזרות און פארהערן אויף די לימודים, וואס די גרויסע הצלחה דערפון איז געווען דער בעסטער באווייז אויף די געוואלדיגע כוחות וואס ווערט אריינגעלייגט אין די בחורים און איז ב"ה עושה פירות עד להפליא.

איינע פון די נאבעלע חידושים דעם זמן איז די "חבורת עמוד העבודה", וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אין די ישיבה, אין וועלכן עס זענען אנגעשלאסן א גרויסער מספר בחורי חמד יראי ה', וועלכע לייגן א געוויכט אויף זיך מזרז און מחזק זיין בעמוד העבודה, ווצב"ש: שטעלן זיך צייטליך דאווענען, נישט רעדן ביים דאווענען, דאווענען במתינות און אויפ'ן קול, לערנען ספרי חסידות וכדו'. די חבורה טוט ב"ה שטארק אויפהייבן די בחורים און ברענגט גלייכצייטיג א זעלטענעם התעוררות אין די גאנצע ישיבה צו שטייגן הויך 'הלוך וגדול' אויך אין אלע אנדערע עניני רוחניות.

כה לחי! ילכו מחיל אל חיל.





# עפענונג פון נייעם "בנין בית רחל" ברענגט שטארקע דערלייכטערונג

## אנטהאלט איבער 40 קלאסן מיט טויזנט תלמידות כ"י בליעה"ר

א שטארקע שמחה און התחדשות הערשט ב"ה אינערהאלב די בית רחל אפטיילונגען, נאכדעם וואס אויף דעם אנהויב שולע יאר איז שוין ב"ה פולקאם געעפענט געווארן און אריין אין באנוץ דעם גאנצן נייעם פראכטפלן בנין בית רחל, וועלכעס האט געברענגט א שטארקע דערלייכטערונג און הרחבת הדעת.

ס'איז נישטא די ווערטער ארויסצוברענגען די גרויסע שמחה פון די אלע תלמידות און זייערע מחנכות, וועלכע זענען פלאצירט געווארן אינעם נייעם בנין, ווען ענדליך האט מען ב"ה זוכה געווען ארויסצוגיין פונעם ענגשאפט און אנקומען אל הנחלה ואל המנוחה צו קענען ממשיך זיין מיט די לימודים אויף א רחבות'דיג און פראכטפולער מקום, אויף וואס די קינדער האבן שוין אזוי לאנג ארויסגעקוקט, וואס האט ב"ה א שטארקן אפעקט לטובה אויפ'ן גאנצן סדר הלימודים און חינוך פון די קינדער, צום אויסטערלישן צופרידנהייט פון אלע עלטערן.

דער נייער בנין האט אייגעטנליך נישט נאר געברענגט א דערלייכטערונג פאר די קלאסן וואס זענען פלאצירט אין דעם נייעם בנין, נאר אויך האט עס צוגעהאלפן צו לינדערן דער שטארקער געדרענג אין אלע אנדערע בניני בית רחל, וואו ס'איז דערמיט צוגעקומען עטוואס מער פלאץ זיך צו קענען רירן אויף דערוויל.

די הנהלה, די גאנצע בית רחל שטאב און אלע עלטערן, זענען שטארק דאנקבאר די אלע חשוב'ע תומכים וואס האבן גענומען א חלק אין ערמעגליכט דאס עפענונג פונעם בנין, צום ערשט די גדולי הנדיבים: הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו חבר הנהלת המוסדות ומראה"ק והקרי'; הרה"ח ר' מרדכי לאנדא הי"ו ובניו שיחיו; און הרה"ח ר' אברהם יודא גאלדבערגער הי"ו חבר הנהלת מחנה בית רחל, וועלכע האבן א זכי' געהאט תורם צו זיין נדבתם הגדולה להקמת הבנין, ואחריהם די חשוב'ע נדיבים וואס האבן איינגעקויפט זכותים פון קלאסן, עס-זאלן וכדו', און דערנאך דער ברייטער ציבור אנ"ש, וואס האבן זיך אנגעשטרענגט און אנטיילגענומען אינעם 'קרן הבנין קאמפיין' מיט'ן איינמאליגן סכום פון $1,800 און העכער.

דערמיט האבן זיך די אלע חשוב'ע נדבנים, כ"א כפי מתנת ידו, איינגעקויפט א חלק שותפות לדורות אין די אומשאצבארע גרויסע זכותים פון חינוך הטהור פאר אלפי בנות ישראל הכשרות והצנועות וואס וועלן אי"ה ארויסקומען פון דעם בנין ביז משיח'ס טאג.

כי עתה הרחיב ה' לנו.



## די חשוב'סטע און גרעסטע צדקה פון אלע צדקות

**"צו שטיצן די תלמוד תורה, איז די גרעסטע זאך וואס מ'קען טון, ווי ס'שטייט אין זוה"ק אז מיט דעם טוט מען א טובה פאר דורי דורות, און טראצדעם וואס יעדע צדקה וואס א איד טוט מיט א צווייטן איז זייער חשוב ביים אויבערשטן, אבער פארט איז דאס נישט קיין נצחיות (ווייל ווען דאס געלט ווערט אויפגעניצט איז די מצוה געענדיגט). אבער אויב מ'גיבט צדקה פאר קיום התורה אויפצושטעלן אידישע דורות, וואס פון דעם קומט ארויס א גאנצע קייט פון תורה עד סוף כל הדורות, דאס ווערט קיינמאל נישט פארגעסן ווייל די טובה בלייבט אויף שטענדיג.**

**(רביה"ק זי"ע, חידושי תורה פ' וישלח)**





# פרישע מרביצי תורה וכלי קודש אויפגענומען צום נייעם ווינטער זמן

### ווי אויך נייע מחנכים ומחנכות און גשמיות'דיגע געהילפן
### אין פארשידענע אפטיילונגען אינערהאלב די ת"ת און בית רחל

אין ליכט פונעם פרישן 'הלוך וגדול' וואוקס אין די מוסדות כ"י בליעה"ר, האט די הנהלת המוסדות פארברייטערט די שטאב פון מחנכים ומחנכות אין די מוסדות, מיט סך הכל 13 פרישע איינגעשטעלטע פאר מערערע פאזיציעס אינערהאלב די תלמוד תורה, אויסער די נייע איינגעשטעלטע אין בית רחל, ווי אויך פרישע מענעדזשערס מיט געהילפן פאר'ן גשמיות'דיגן ווירטשאפט.

סך הכל באטרעפט היינט די געטרייע שטאב פון העכסט-געלונגענע מחנכים ומחנכות, דער הערליכער ציפער פון 882! דאס איז ממש ווי א גרויסער מוסד פאר זיך...

די נייע כלי קודש זענען אלע אויסגערופענע מומחים אין פעלד פון חינוך מיט די מאקסימום געטריישאפט און פארשטאנד, וועלכע קומט שוין א לענגערע צייט צום אויסדרוק און די הונדערטער גליקליכע עלטערן זענען עדות דערצו, נאכדעם וואס די נייע איינגעשטעלטע האבן שוין פראקטיצירט זייער עבודת הק' אין די מוסדות אויף פארשידענע צייטווייליגע פאזיציעס אדער אלס 'שטעל-פארטרעטער' במשך די לעצטערע זמנים.

צווישן די נייע איינגעשטעלטע איז אויך פאראן אזעלכע וועלכע זענען געווען בעפאר אין יונגערע כיתות און זענען אצינד נתעלה געווארן מעלות בקודש, וואו זיי טוען פארזעצן זייער מלאכת הקודש בנאמנות ביתר שאת וביתר עוז.

צווישן די פילע חידושים ווערט אויך שטארק באגריסט די אויפנאמע פונעם נייעם באזונדערן מנהל אויף כתה ב' מיט אירע פילע צווייגן, ה"ה הר"ר דוד חנני' ווייס שליט"א, וועלכער איז געשטיגן אין ראנג אין צוגאב צו זיין אמט אלס מנהל אויף כתה א', נאכדעם וואס ס'שטעלט זיך ב"ה ארויס זיינע שטארקע געבענטשטע כשרונות און הצלחה ביז אהער.

אינאיינעם מיט'ן 'הלוך וגדול' אויפ'ן רוחניות'דיגן פראנט איז מען אויך געשטיגן 'הלוך וגדול' אויפ'ן גשמיות'דיגן פראנט, מיט'ן אויפנעמען פרישע געטרייע מענעדזשערס און געהילפן אין פארשידענע אפטיילונגען אין די מוסדות, צו קענען צוהעלפן אנצופירן מיט די ברייטפארצווייגטע ווירטשאפט.

הוא ישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידכם.

**טייל פון די הונדערטער מלמדים און מרביצי תורה במסודותינו הקדושים, ביים יערליכן דינער מוש"ק פרשת וישלח תש"ע לפ"ק**






# וואקסנדע דחקות ביי די תשב"ר ערמוטיגט צו פארענדיגן בוי פלענער פאר נייעם תלמוד תורה געביידע

## נדבת הרבני הנגיד הרה"ח ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו, חבר הנהלת המתיבתא

## נייע געביידע וועט אי"ה זיין 13'טע בנין אין די קייט פון די מבצרי המוסדות

"שלשה עשר מי יודע, שלשה עשר אני יודע, שלשה עשר בנינים למוסדות קרית יואל"....

אט דאס איז דער "מזמור שיר חנוכת הבית" וואס דארף געזינגען ווערן ווען מ'הערט די פריידיגע נייעס, אז עס גייען שוין אן די לעצטע פלענער צוצוגרייטן דעם שטח צו קענען צוטרעטן צו די פאקטישע בוי ארבעט, אויף דעם הערליכן נייעם בנין, דער דרייצענטער בנין וואס ווערט אויפגעבויעט בעז"ה פאר'ן געברויך פון די תלמוד תורה לטובת החינוך פון די תשב"ר.

ווי הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות האט שוין געמאלדן פאר'ן ציבור ביים פאריעריגן דינער פאר די מוסדות, האט הרבני הנגיד ר' יעקב זוסמאן סופר הי"ו, וועלכער איז שוין וואויל באקאנט מיט זיינע פילזייטיגע פעולות און ברייטע נדבות לכל קדשי בית סאטמאר, באשלאסן בחפץ לבו מנדב צו זיין א נייעם בנין פאר די ת"ת צו לינדערן דעם שווערן לחץ זה הדחק וואס שרייט ארויס פון יעדע געביידע עקסטער, אזוי ווייט אז דער פראקטפולער "בנין מארקאוויטש", וואס איז ערשט מיט געציילטע יאר צוריק אריין אין באונץ, איז שוין באלד אין א בחינה פון "ולא נודע כי באו אל קרבנה", מ'געדענקט קוים אז עס איז נאכנישט דא קיין פינף יאר פון ווען מ'האט באנייעט דעם בנין.

דער ציבור קוקט ארויס מיט גרויס אינטערעסע און שפאנונג צו הערן די גוטע נייעס אז מ'נעמט זיך שוין צו די עבודת הבניה, און מיטהאלטן מיט די אויגן ווי שיין עס פלעגט זיך בעז"ה ווייטער דער גאלדענער קייט פון מוסדות קרית יואל.

ווי ריכטיג האט א עסקן רעאגירט "אויב "שלשה עשר מי יודע" דארף מען ארויסברענגען אז איבער א יאר וועט שוין זיין דרייצן כיתות א' ולמעלה בקודש...

גדול יהיה כבוד הבית הזה.



אין ליכט פון 'הלוך וגדול' הוצאות:

# מאסיווע "הלוך וגדול קאמפיין" ברענגט העכערונג פונעם ציבור אין דינער נדבות

ווי באקאנט האט די הנהלת המוסדות אונטערגענומען צום היי-יעריגן דינער סעזאן דער גרויסארטיגער "הלוך וגדול קאמפיין", מיט'ן ציל צו העכערן די דינער נדבות פונעם ציבור אין ליכט פון די 'הלוך וגדול' קייט איבער אלע הוצאות פון די מוסדות בגשמיות וברוחניות.

די הנהלת המוסדות איז איבערראשט פון די געוואלדיגע אפרוף און ווארימקייט וואס דער ציבור ווייזט ב"ה ארויס היי-יאר, אנגעהויבן ביי דעם וויאזוי מ'נעמט אויף די עסקנים, פארשטייענדיג אז זיי זענען נישט מער ווי די שליחי הציבור, וועלכע גייען ארום פאר די אייגענע מוסדות, פאר'ן טובה פון די אייגענע קינדער און דורות, און דאס שפיגלט זיך טאקע אפ אויף די הערליכע נדבות וואס דער ציבור באשטייערט, מחזק צו זיין די הייליגע מוסדות פאר'ן חינוך פון די אייגענע דורות עד ביאת הגואל.

די הנהלה איז שטארק דאנקבאר די אלע אנ"ש, הורי ותומכי המוסדות, וועלכע האבן זיך שוין אנגעשטרענגט און באשטייערט מיט ברייטע דינער הוספות צום קאמפיין, אויף סיי וועלכן אופן, ווצב"ש דינער געלט, בן גמלא, בדק הבית, מצדיקי הרבים, קרן וכדו'.

שטייענדיג אצינד ביים סאמע הויכפונקט פונעם קאמפיין, הארט פאר'ן אפרעכטן דעם גרויסארטיגן דינער נאכט במעמד אלפי ישראל, קוקט די הנהלה ספעציעל ארויס אויפ'ן סוקסעס פונעם הלוך וגדול קאמפין, אין וועלכן עס איז תלוי ועומדת דער פינאנציעלער קיום פאר די מוסדות.

עס איז ערווארטעט אז דער גאנצער ציבור וועט צו קענטעניס נעמען דעם חובת השעה, און שפירן פאר א פליכט און אחריות זיך אנצושטרענגען יותר מכפי היכולת ארויסצוהעלפן די הייליגע מוסדות וואו די אייגענע דורות ווערן נתחנך לתורה וליראה לשם ולתפארת, וואס דאס קומט אייגענטליך בעפאר יעדע אנדערע צדקה צוועק, סיי עפ"י הלכה און סיי עפ"י שכל.

ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת.



מדבריהם למדנו

קורצע אויסצוגן פון דרשות ומאמרים,

# איבער "הלוך וגדול"

לטובת מוסדותינו הק' בקרית יואל

## רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
### סעודת הילולא כ"ו אב תשמ"ח

"...וכך זכינו כי לעת זקנותו וחולשת כוחו בסוף ימיו הקים ויסד את העיר קרית יואל, אשר רבות בשנים היה משתוקק להקימה ואמר כמ"פ כי אם לא יקים עיר של יראים ושלימים מחוץ לכרך הגדול, אזי לא פעל ולא עשה מאומה בכל מפעלותיו אשר הקים עד הנה. ובאמת זה דרכם של צדיקים שהם מחשבים על עצמם כי עדיין לא פעלו מאומה, והם שפלים ושבורים בעיני עצמם מגודל שפלות רוחם. אמנם עתה מובן לכל מה מאד היתה הנחיצות בהקמת העיר קרית יואל **שצמחה ונתרחבה להיות עיר גדולה ובה מתחנכים אלפי תשב"ר על טהרת הקודש..**"

*

## רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
### סעודת הילולא כ"ו אב תשנ"ד

"**...וביותר אנו רואים הרחבת גבולי הקדושה בעירינו המעטירה קרית יואל יצ"ו**, שיסדה וגם כוננה מרן כק"ד זללה"ה, וידוע מה שאמר תמיד שאלמלא יסד הקריה אינו יודע אם פעל כלום בעולמו, ואף גם צוה לעשות הביהמ"ד גדול הרבה ולא היה מובן דבריו, ופי צדיק שמרו אנ"ש, ואחר ההסתלקות לא היינו יודעים מה אנחנו עושים עם בית גדול הזה, אך כעת אנחנו רואים שדבריו לא יפלו ארצה, עד שגם בכל שבת ורגל רואים כאן ציבור גדול **והוא חוץ לדרך הטבע..**"

*

## רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
### סעודת הודאה כ"א כסלו תשנ"ו

"...וככל זאת אפשר לומר על בעל הנס מרן כק"ד זי"ע אשר כל ימיו הרבה לעשות פעלים לחזק דת תוה"ק, ואף בענייני החינוך הפליא לעשות ובפרט בחינוך הבנות דבר שלא היתה מקדם, אמנם זה מה שעשה בסוף ימיו במה שזכו לו מן שמיא בערוב ימיו להקים עיר ואם בישראל קרית יואל יצ"ו **זהו עולה על כולנה, כי לעיר כזאת ממש אין דוגמתה**, עיר מלאה חכמים וסופרים בתורה ויראה, ואני קורא לכל אנשי שלומינו שהחוב מוטל על כל אחד ליקח לו זמן לבקר בעיר קרית יואל ולעיין בסדר החיים ותהלוכותי', ויראה שם כוחו הגדול של מרן ז"ל האיך שהבנים וגם הבנות מתחנכות שמה ע"ד ישראל סבא, וגם לרבות הנשים הולכות כולם בדרך הצניעות, כמו שהורה לנו זקן, ובכל זה עלינו להתבונן בנפלאות ה', שזהו חידוש מופלא **שהיה מקודם יער מקום תוהו ובוהו, ובזמן קצר נתהוה יש מאין, ונתהפכה לעיר ואם בישראל בליעה"ר...**"

*

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
### לאנ"ש לאנדאן במסיבה השנתי, אב תשס"ח

"... דער טאטע ז"ל האט אסאך כוחות און אסאך מוח אריינגעלייגט אין קרית יואל. ס'איז אים געווען בבת עינו. אסאך געשוויצט, און אסאך זיך געלאזט קאסטן, אין אלע ענינים פאר קרית יואל. ס'איז געווען זיין חיות ווען ער איז געקומען קיין קרית יואל.."

"... מ'דערמאנט זיך יעצט אין די זומער וואכן, ווען ער איז געווען אין קרית יואל, דאס איז געווען די גאנצע חיות פון די שטאט. כל זמן שהצדיק בעיר, הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה, ס'איז געווען די שיינקייט פון קרית יואל. **ווי שיין ער האט זיך משתעשע געווען מיט יעדע זאך, מיט יעדן בנין, מיט'ן תלמוד תורה און בית רחל, ס'איז געשטיגן און ס'איז געוואקסן,** מ'האט געזען דעם חיות וואס ער האט געשעפט און זיין נחת רוח.."

"... אז אזויפיל טויזנטער קינדער תינוקות של בית רבן ווערן מחונך, ס'איז א מקום פון השראת השכינה, **קומט אראפ א ברכה פאר אלע אידן**, פאר די תומכי תורה וואס גיבן צושטייער פאר תורה..."

*

## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א
### סעודת הילולא כ"ו ניסן תשס"ח

